UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

## Title
A Mayse Shehoye: Vi Azoy Undzer Golomb Iz Broygez Gevorn / A True Story: How Our Golomb Became Upset

## Permalink
https://escholarship.org/uc/item/5w87j589

## Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 91(1)

## Author
Noah Zuckerman, Noyekh Tsukerman /

## Publication Date
1978

## Copyright Information
Copyright 1978 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

נח צוקערמאַן / נתניה, ישראל

# ווי אַזוי אונדזער גאָלאָמב איז ברוגז געוואָרן

(אַ מעשה שהיה)

דאָס וואָס איך קלייב זיך צו דערציילן איז אַ מעשה שהיה, אַ מעשה, וואָס איז זיך פאַרלאָפן מיט אַ סך יאָרן צוריק, אין יענע צייטן, ווען איך בין נאָך געווען אַ שילער פון דעם ערשטן יידישן לערער סעמינאַר אין ווילנע, און גאָלאָמב, אַברהם גאָלאָמב, איז געווען מיין לערער. און פאַרלאָפן איז זיך די מעשה אין פּושקאַרניע:

אומזיסט וועט איר זוכן דעם נאָמען „פּושקאַרניע" אויף די געניסטע געאָגראַפישע מאַפּעס פון דער וועלט, איר וועט דעם נאָמען ניט געפינען, אָבער יעדער ווילנער ייד האָט געוווּסט, אַז ניט ווייט פון ווילנע, ביי דער ווילענקע, איז געווען אַ פּראַלאָזענער גוט, וווהין דער יידישער לערער־סעמינאַר פלעגט אַרויספאָרן אויף די זומער־חדשים.

און טאָמער פרעגט איר, ווי קומט מען קיין פּושקאַרניע? איז דער ענטפער געווען פּשוט און קלאָר:

מיט רוזעלע קומט איר צום שטיבלעד־וואַלד, איר לאָזט איבער לעוואַנישעק און איר זייט אין פּושקאַרניע.

נאָר ניט פאַרגעסן, אַז דעם גאַנצן וועג וועט זיך איך פּלאָנטערן אונטער די פיס די ווילענקע.

די ווילענקע, וואָס די ווילנער יידן האָבן פאַר איר קיין גרויס דרך ארץ ניט געהאַט, האָט אין פּושקאַרניע געביטן איר פּרצוף.

ווי קאָן מען פאַרגלייכן די ווילענקע אין פּושקאַרניע צו דעם טייכל אין ווילנע, ווי טאָג צו נאַכט.

אין פּושקאַרניע — רעשיק, טומלדיק, פול מיט כעס און רוגזה, ניט געקאָנט פאַרטראָגן די בערגיקע ברעגן, וואָס האָבן איר געשטערט אַדורכטראָגן אירע וואַסערן אין דער ווייליע אַריין, האָט זי פון זיי געריסן שטיקער, לעבעדיקע שטיקער פון די בערג, אונטערגעשווענקט און אַרויס־געריסן מיט די וואָרצלען אַלע איינגע־וואָרצלטע ביימער.

ס'איז ניט ווילנע.

שוואַך איז אָבער געווען די ווילענקע, קיין כוח ניט געהאַט מיטצושלעפן די אויסגעריסענע ביימער, די אָפּגעריסענע באַרגשטיקער מיט אירע וואַסערן' האָט זי עס איבערגעלאָזן אויפן אַנטקעגנ־איבערדיקן ברעג, איבערגעלאָזן אויף גאָטס באַראָט, און אַוועקגעטראָגן די אויפ־געשוימטע וואַסערן אין שטאָט אַריין צו דער ווייליע.

מיט יראת הכבוד האָבן מיר, פּושקאַר־ניער, געקוקט אויף אונדזער טייל, רחמ־נות געהאַט אויף די ריזיקע בערג, וואָס

---

געוואָרן פון רישעות: סטאַליניזם פון איין זייט און היטלעריזם פון דער צווייטער זייט.

די וואָס האָבן געבויט, געפורעמט, גע־שאַפן אונדזערע יידישע ווערטן, זיינען אויסגעגאַנגען אין די קרעמאַטאָריעס מיטן רויך, לעבעדיקערהייט באַגראָבן געוואָרן, פאַרסמט געוואָרן, דערשטיקט געוואָרן, פּשוט דערשאָסן געוואָרן, אָדער אויסגע־גאַנגען פון הונגער.

מיר מוזן קוקן דער ווירקלעכקייט אין פּנים אַריין. אָנהאַלטן דעם אָטעם־יידיש און יידישקייט טראָפּן ביי טראָפּן.

לאָמיר זוכן אַ ליכטיקן שיין — אים נאָכגיין און נאָכגיין, ביז מיר'ן צוריק קריגן דאָס ליכט.

דערפאַר, חבר־לערער אברהם גאָלאָמב, נעם איך זיך אָן מיט גאָר מיין מוט און זאָג צו אייך: שרייבט. הערט נישט אויף צו שרייבן. האָט הנאה און פרייד פון אייער שאַפונג.

פאַר יחידים איז אויך כדאי צו שרייבן.

זייט געזונט און שטאַרק מיט אייער רבקהן צוזאַמען. מיר זאָלן זוכה זיין אויף אַ קיום מיט אייך צו געניסן פון אייער שעפערישער לערע אין הלכות יידישקייט אַ הייליקע אַרבעט.

מיט די האַרציקסטע געבוירן־טאָג־ברכות —

אייער תלמידה,

**שפרה קרישטאַלקע**

זיינען געשטאַנען אומבאַהאָלפן און קיין
כוח ניט געהאַט זיך אַנטקעגן שטעלן אַ
קליין טייכל.

מיר, די יונגע עדות פון דעם ניט גלייכן
כוח־פאַרמעסט, האָבן זיך אַרומגעטראָגן
מיט פילאָסאָפישע טראַכטענישן: אַזאַ קליין
טייכל, אַזוינע ריזיקע בערג, אַזוינע ניט
קיין גלייכע כוחות.

גאַלאַמבן זיינען געווען געפעלן אונדזע־
רע ספקות, אונדזער זוכן דעם סוד פון
יעדער דערשיינונג. גאַלאַמב איז ניט גע־
קומען אונדז אַנפילן אונדזער קאָפּ מיט
ידיעות, ער האָט געוואָלט אין אונדז איינ־
אימפּן דעם דורשט צו פאָרשן, צו באַאָ־
באַכטן, קענען פאַרבינדן דערשיינונגען
צווישן זיך, מאַכן אויספירן, און כדי צו
פאָרשן דאַרף מען ליב האָבן די נאַטור.

מיר האָבן ליב געהאַט פושקאַרניע, ליב
געהאַט די נאַטור און ליב געהאַט גאַלאַמבן.
מיר האָבן געקאָנט אַפּליגן אויף דער ערד
שעהן לאַנג, מיר אַלע און צוזאַמען מיט
אונדז גאַלאַמב, און זיך צוקוקן צו אַ קליין
אַרבעסל, וואָס רוקט זיך אַרויס מיטן
פלייצקע פון דער ערד און הייבט אויף
מיט אַ ניט־געזעענעם כוח שטיקער פאַר־
האַרטעוועטן באָדן, שטיינער, וואָס שטערן
דעם אַרבעסל אַרויסהייבן זיינע צאַרטע
ערשטע גרינע בלעטעלעך צו דער זון.

ניט איין מאָל זיינען מיר אויף אַלע פיר
נאָכגעקראָכן אַ פּשוטן מיסט־זשוק און זיך
צוגעקוקט צו דעם קייקל מיסט, וואָס דער
זשוק פאַרעמט אויס, לייגט אָפּ אין דעם
קוויל זיינע אייעלעך, און באַזאָרגט זיינע
שוואַכע שליירלעך מיט עסן, ווען זיי
וועלן אַרויס פון די אייעלעך.

מיר האָבן ליב געהאַט פושקאַרניע, זיך
געגריבלט אין די נאַטור־דערשיינונגען
און מער פון אַלעמען ליב געהאַט גאַלאַמבן.

אַ פאַרמאַכטע וועלט איז אָבער געווען
פאַר אונדז גאַלאַמב אַליין, מיר האָבן גע־
וווּסט וועגן אים זייער ווייניק.

מיר זיינען געווען זייער נייגעריק צו
וויסן אַלע פרטים פון זיין לעבן, האָבן מיר
זיך דערוווּסט אַ וועלכן ס'איז פרט, האָבן
מיר עס פאַרשריבן אין זכרון. מיר האָבן
געוווּסט אַז ער שטאַמט פון מיישעגאָלע,
אַ קליין שטעטעלע ניט ווייט פון ווילנע;
מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז ער האָט גע־
לערנט אין ראַמיילעס ישיבה, דערנאָך
אין דער קצבישער (געווען אַזאַ ישיבה
אין ווילנע). גאַלאַמב אַליין האָט אונדז
דערציילט, אַז ער האָט געלערנט אויף די
גראָדנער לערער־קורסן. אונדז האָט זיך
אָבער ניט איינגעגעבן צו דערוויסן —
ווי אַלט איז גאַלאַמב. מיר האָבן זיך
אַליין געכאַפּט, אַז גאַלאַמב רייסט רויטע
יאַגעדעס און מיינט אַז די זיינען שוואַרצע.
מיר זיינען אפילו געווען עדות ווען גאַ־
לאַמב האָט זיך פאַר אונדז אויסגעפיינט
מיט זיין ביי־געקויפטן שוואַרצן שניפּס,
ווען מיר אַלע האָבן געזען בפירוש, אַז
ס'איז ניט קיין שוואַרצער נאָר אַ רויטער.

הכלל, מיר האָבן געוווּסט אַ סך זאַכן
וועגן אונדזער לערער, אָבער ווי אַלט ער
איז, האָבן מיר בשום אופן ניט געקאָנט
דערגיין.

ווי לאַנג האָט עס געקאָנט בלייבן אַ סוד?

דעם סוד האָט אונדז אויסגעזאָגט גאַ־
לאַמבס שוועסטער, זייענדיק ביי איר צו־
גאַסט (זי האָט געלעבט אין ווילנע), האָבן
מיר מיט כיטרע פראַגן אַרויסגעקראָגן
וואָס מיר האָבן געוואָלט. איך האָב גע־
זאָגט מיט כיטרע פראַגן, ווייל מען קען
דאָך ניט אַריינפאַלן צו גאַלאַמבס שוועס־
טער מיט אַ פראַגע, ווי אַלט איז גאַלאַמב?
דאָס וואָלט געווען ניט טאַקטיש און ניט
שיין.

האָבן מיר געפרעגט, ווי אַלט איז גאַ־
לאַמב געווען, ווען ער איז געווען אַ לערער
אין דער וויטעבסקער תלמוד־תורה? וויפל
יאָר האָט ער געאַרבעט אין וויטעבסק?
מיר זיינען געווען זייער כיטרע מיט אונ־
דזערע פראַגן און מיר זיינען דעם סוד
דערגאַנגען.

לויטן חשבון פון אונדזער מאַטעמאַטי־
קער איז גאַלאַמב קרוב צו 35 יאָר. גאַ־
לאַמב ווערט אין גיכן 35 יאָר.

גאַלאַמב ווערט אין גיכן 35 יאָר!

די ידיעה איז איבערגעגאַנגען פון
מויל צו מויל.

און דאָ הייבט זיך אָן די אומעטיקע
מעשה, וואָס איך קלייב זיך אייך צו דער־
ציילן, די מעשה ווי אַזוי גאַלאַמב איז אויף
אונדז ברוגז געוואָרן.

אַ סך יאָרן זיינען שוין אַריבער פון יע־
נעם זומער אין פושקאַרניע, אָבער ווי אַזוי

גאַלאַמב איז ברוגז געוואָרן האָט זיך אויפ־
געהיט אין זכרון מיט אַלע פּרטים.

מעשה שהיה.

געלעבט האָבן די סעמינאַריסטן אין פּושקאַרניע אין הילצערנע הײזלעך; די מיידלעך אין דער גרויסער הילצערנער געבײַדע און די ייִנגלעך אין עטלעכע קלענערע. פּאַר צוועלף עלטערע ייִנגלעך האָט קיין אָרט ניט געקלעקט, האָט מען פאַר פאַר זיי געפונען אַ חורבה אויפן צווייטן זײַט פון דער ווילענקע.

געווען איז עס אַ חורבה און מיר האָבן עס אַ נאָמען געגעבן די „חורבה".

דער נאָמען „חורבה" האָט זיך זייער גיך אָנגענומען און עס איז אַלעמען געפעלן געוואָרן. עפּעס האָט עס אונדז דערמאָנט אָן „מאָניש" און אפשר אָן „בײנאַכט אויפן אַלטן מאַרק". און אַז אונדזער שטיבל הייסט חורבה איז דאָך קלאָר, אַז מיר הייסן חורביסטן. מען האָט ביסלעכווייס פאַרגעסן אונדזערע פאַמיליעס און נעמען. געזאָגט האָט מען: די חורבה האָט הײַנט פאַרשפּעטיקט צו דער אַרבעט. (ניט אין גאַנצן אמת).

מען האָט געזאָגט: די חורבה האָט קיין עין־הרע אַן אַפּעטיט (דאָס איז געווען אַן אמת); מען האָט געזאָגט: די חורביסטן האַלטן דעם נאָז אין דער הויך, האַלטן זיך גרויס (ניט ווײַט פון דער ווירקלעכקייט).

די חורביסטן האָבן זיך געהאַלטן גרויס מיט זייער חורבה. און נאָך מער האָבן זיי זיך געהאַלטן גרויס מיט זייער קלאַדקע.

איך האָב שוין דערציילט, אַז די חורבה האָט זיך געפונען אויף דער צווייטער זײַט פון טײַכל, איז כדי מען זאָל קאָנען אַריבערגיין צו אונדזער „פּאַלאַץ" האָבן מיר דורכגעלייגט אַ שמאָלע קלאַדקע.

די ווילענקע איז ווײַזט אויס ניט געווען שטאַרק באַגײַסטערט וואָס מען האָט איר אָנגעטאָן אַ כאָמעט אויפן האַלדז, האָט זי זיך געבייזערט, געשוימט, געבלעזלט אירע גרינלעכע וואַסערן און ניט געוואָלט אונדז מוחל זיין פאַר דער פאַרזעעניש וואָס מיר האָבן אָוועקגעשטעלט אין דער גאַנצער ברייט פון טײַך.

איך ווייס ניט צי אַלע האָבן געוווּסט דעם סוד אַז מען שטייט אויף דער קלאַדקע און מען קוקט אַריין אין וואַסער, ווערט די ווילענקע פאַרכישופט און פירט דיך אַוועק צו אויסגעטרוימטע ברעגעס, צו אויסגעחלומטע לאַנדשאַפטן.

נאָר, טאָמער חס וחלילה, האָסטו אויפגעהערט צו פאַרכישופן די ווילענקע און דו האָסט געכאַפּט אַ קוק אויפן ברעג, האָט זיך די קלאַדקע אָפּגעשטעלט אין איר באַוועגונג און די ווילענקע, ווי באַפרײַט פון דעם כישוף וואָס דו האָסט איר אָנגעטאָן, טראָגט ווידער אירע וואַסערן מיט געפּילדער קיין ווילנע...

* * * * *

אין דעם זעלבן טאָג, ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט וועגן גאַלאַמבס געבוירנטאָג, האָט מען בײנאַכט, ליגנדיק אין די בעטן, געמאַכט אַן אַלאַרם־פאַרזאַמלונג פון דערחורבה, און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן:

1. קיינער טאָר ניט וויסן, אַז מיר קלייבן זיך פּראַווען גאַלאַמבס געבוירן־טאָג. און טאָמער וועט זיך עמיצער אַרויסריידן, וועט אין חורבה פאַר אים קיין אָרט ניט זיין.

2. דעם יום־טוב וועלן מיר פּראַווען מיט כיבוד. צו דעם צוועק גנבענען מיר אַרויס פון קלאַדאָווקי אַ גאַנצן לעבל ברויט און אַ האַלבן קעז.

3. טיי וועלן מיר צוגרייטן פון ליפּאָווע קוויאַט. מען זאָגט אַז ס'איז אַ גוטער געטראַנק.

4. אַזוי ווי אין דער חורבה זיינען קיין טישן גיטאָ, שפּרייטן מיר אויס אונדזערע קאָדרעס אויף דער ערד. אַזאַ פּילפּאַרביקן טעפּיך האָט נאָך די וועלט ניט געזען.

5. דער אַנטאָן וועט זיין אַן איינהייטלעכער: אַלע אין ווייסע ליילעכער, ווי עס פּאַסט פאַר די שדים פון דער חורבה.

6. פּונקט 12 בײנאַכט שיקן מיר אַרויס פיר חורביסטן כדי אײַנצולאַדן גאַלאַמבן צו דער שמחה. פאַרויסגעזען, אַז אויב גאַלאַמב זאָגט זיך אָפּ צו גיין, נעמען מיר אים מיט כוח).

כדי ניט אויפצוועקן די איבעריקע סעמינאַריסטן פון שלאָף, לאָזן מיר איבער אין חורביסט אין דער הויפּט־געבײַדע און ער וועט עפענען די טיר פון דער הויפּט־געבײַדע.

8. די באַגריסונג רעדע וועט האַלטן דער עלטסטער פון די חורביסטן.

דער פלאַן איז געווען אויסגעאַרבעט אין אַלע קלייניקייטן.

אין דער גרויסער באַגייסטערונג, וואָס האָט אונדז אַרומגעכאַפּט ביים צוגרייטן דעם פלאַן, האָבן מיר אויף איין רגע ניט פאַרגעסן אַז מיר נעמען אויף זיך אַ גאַנצע ריי חטאים. אויף דער זעלבער בייַנאַכטיקער פאַרזאַמלונג זיינען אויך באַטראַכט געוואָרן יעדער חטא און זיין פאַרענטפערונג.

אַלע האָבן פאַרשטאַנען , אַז גנבענען דעם ברויט מיטן קעז איז ניט שיין, אָבער אויף דעם איז געווען דעקונג: אונדזער מאַטעמאַטיקער האָט אויסגערעכנט, אַז 13 לחמהס ברויט, וואָס מיר עסן אויף ביים פרישטיק איז נאָך מער פון אַ לעבל ברויט און 12 שטיקלעך קעז איז כמעט אַ האַלבער קעז, האָט מען תיכף אָפּגערעדט, אַז אויף מאָרגן נאָך דער פייערונג, עסן מיר ניט קיין פרישטיק און דער חשבון גלייכט זיך אויס. אַלנפאַלס, זיך אָפּזאָגן פון אַזאַ כיבוד האָבן מיר ניט געקענט און פאַרן אויפעסן דעם מאָרגנדיקן פרישטיק אין מיטן נאַכט, וועט מען אונדז מוחל זיין. און דאָס וואָס מיר רייסן זיך אָפּ פון דעם גאַנצן קאָלעקטיוו? אויף דעם האָבן מיר געענטפערט, אַז דער גאַנצער קאָלעקטיוו זאָל פייערן גאָלאָמבס געבוירן־טאָג, אויף דעם וועט גאָלאָמב קיין מאָל ניט מסכים זיין, זאָלן מיר דערפאַר אויך ניט מאַכן? דאָס ניט. מען וועט פאַרשטיין און מען וועט אונדז מוחל זיין.

אין דער חורבה האָט מען גלייך זיך גענומען גרייטן צו דער פייערונג. פון אַלטן פאַרזשאַווערטן דראָט האָט מען צוגעגרייט הענגלייכטער פאַר ליכט; מען האָט די לייכטער פונאַנדערגעהאָנגען אויף אַלע ווענט; אָנציינדן די ליכט וועט מען ערשט פינף מינוט פאַר צוועלף.

עס זיינען אויסגעשפּרייט געוואָרן די קאָלדרעס אויף דער ערד; דער צוגעגרייטער געטראַנק איז שוין געשטאַנען פונאַנדערגעגאָסן אין די גלעזער; מען האָט געוואַרט מיט שפּאַנונג אַז די צוויי ווייזערס אויף דעם איינציקן זייגער וואָס מיר האָבן געהאַט זאָלן זיך אויפקומען צוזאַמען אויף דעם ציפער 12.

**חצות !**

פושקאַרניע איז פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף. אין דער נאַכטיקער שטילקייט הערטמען דעם קלענסטן רויש. די בלעטלעך אויף דעם זילבער־טאָפּאָל לעבן דער געביידע רוישן שטיל. אַ קליין ווינטעלע באַוועגט דעם שפּיץ פונעם טאָפּאָל קוים, קוים. דער בייַנאַכטיקער טוי האָט פייכט געמאַכט דעם גראָז. אונדזערע באָרוועסע טריט פאַרזונקען אין דעם פייכטן גראָז. קיינער טאָר ניט הערן ווי פיר חורביסטן דערנענטערן זיך צו דער הויפּט־געביידע.

מיר גייען פאַרכאַפּן גאָלאָמבן.

שטיל דרייט זיך איבער דער שליסל פון דער דרויסנדיקער טיר. גאָלאָמבס טיר איז ניט פאַרשלאָסן. מיר זיינען נאָס פון שפּאַנונג.

גאָלאָמב האָט זיך אויפגעכאַפּט. ער זוכט אין דער פינצטער זיינע ברילן.

— וואָס איז געשען?

— אין מיטן דער נאַכט?

— וואָס האָט איר פאַרטראַכט?

* * * * *

די ברייטע טיר פון דער חורבה איז געווען ברייט אויפגעעפנט. אויף די ווענט האָבן געברענט די אָנגעצונדענע ליכט. דער פילקאָלירקער טעפּיך איז געווען אויסגעשפּרייט אויף דער ערד. ווען גאָלאָמב מיט זיינע פיר באַגלייטערס האָבן זיך געוויזן אין דעם אויפשניט פון דער טיר, איז די שמחה געווען אין לשער.

מען האָט זיך גענומען פאַר די הענט, אַרומגערינגלט גאָלאָמבן, אַרויפגעוואָרפן אויך אויף אים אַ ווייסן ליילעך, גענומען טאַנצן אַרום אים און מיט גרויס ענטוזיאַזם געזונגען דאָס חסידישע לידל:

„רב דוידל, רב דוידל פון וואַסילקאָוו
און היינט איז ער אין טאַלנע;
רב דוידל, רב דוידל פון וואַסילקאָוו
און היינט איז ער אין טאַלנע.“

גאָלאָמב איז געבליבן שטיין אין מיטן צימער, ניט אַרויסגערעדט קיין איין וואָרט, זיך אַרומגעקוקט אויף די ברענענדיקע ליכט אויף די ווענט, אָנגעקוקט אונדזער משנוהדיקן הילך אין די ווייסע לייַלעכער און געשוויגן, געקוקט אויף אונדז איבער זיינע ברילן און אפילו קיין שמייכל ניט געטאָן.

וואָלט כאַטש גאָלאָמב אויסגערעדט אַ וואָרט, וואָלט ער אונדז כאַטש אויסגעזידלט, וואָלטן מיר עס אָנגענומען באהבה, אָבער גאָלאָמב האָט געשוויגן.

דער טאַנץ האָט זיך גיך אויסגעלאָשן, די הענט האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן, דער טאַנץ האָט אויפגעהערט. מיר זיינען מיד געוואָרן פון גאָלאָמבס שווייגן.

אונדזער רעדנער האָט זיך שטאַרק פאַרלוירן. ער האָט געבעטן זיך אויסזעצן אין אַ קרייז, געהייסן נעמען דעם צוגעגרייטן געטראַנק אין האַנט און געזאָגט נאָך זיינע צוגעגרייטע ערשטע ווערטער: „מיר, די שדים פון דער חורבה, באַגריסן אונדזער הויפּט־שד אברהמיקוס.״ ער האָט נאָך באַוויזן צו זאָגן, אַז אויף דעם הייַנטיקן שדישן יום־טוב וועלן מיר עסן פעך און טרינקען סמאָלע, און אָנגעוויזן אויף דעם קעז און אויף דעם געטראַנק. גאָלאָמבס שטומער קוק האָט אונדז צוגעשמידט צו די ערטער. קיינער האָט זיך ניט צוגערירט צום עסן. קיינער האָט ניט גענומען זיין גלאָז אין האַנט. אונדזער שמחה האָט זיך אויסגעלאָשן.

פון אונדזער באַגייסטערונג איז קיין סימן ניט געבליבן. מיר האָבן אַראָפּגעלאָזן אונדזערע צעהיצטע קעפּ, אַראָפּגעלאָזן די אויגן, זיך איינגעגראָבן אין די אויסגעשפּריטעקאָלדרעס און געשוויגן.

אין אַ געשפּאַנטער שטילקייט האָט זיך גאָלאָמב אויפגעהויבן פון זיין אָרט, קיינעם קיין וואָרט ניט געזאָגט און פאַרלאָזן די חורבה.

מיר זיינען נאָך לאַנג געבליבן זיצן ווי צוגעשמידטע צום אָרט, מיר האָבן אַראָפּגעוואָרפן אונדזער שדישן אָנטון און ניט אויסרעדנדיק קיין וואָרט אַוועק זיך אויסבאָדן אין די קאַלטע וואַסערן פון אונדזער טייערער ווילענקע.

גאָלאָמב איז אויף אונדז ברוגז געוואָרן. ניט גערעדט מיט אונדז אַ לאַנגע צייט, און מיר, ווי געשלאָגענע הינט, האָבן אים כסדר געקוקט אין די אויגן אַריין, געוואַרט אויף זיינעם אַ שמייכל, אפשר האָט ער אונדז שוין מוחל געווען.

אַוועק אַ לאַנגע צייט. ווי לאַנג קען גאָלאָמב ניט שמייכלען? און אַז דער שמייכל האָט זיך געוויזן, זיינען מיר געווען גליקלעך — גאָלאָמב האָט זיך איבערגעבעטן.

שוין אַזוי פיל יאָרן אַריבער און איך פרעג זיך נאָך אַלץ די זעלביקע פראַגע: פאַרוואָס האָט אונדז געקומט אַזאַ האַרבע שטראָף? עס איז דאָך אונדז אַזוי שווער אָנגעקומען איידער מיר האָבן זיך דערוווּסט ווי אַלט גאָלאָמב איז געווען; מיר האָבן דאָך מיטן גאַנצן האַרצן געוואָלט פייערן זיין געבוירן־טאָג.

פאַרוואָס אַזאַ שווערע שטראָף? אפשר וועט גאָלאָמב ענטפערן?


## פון דער „חשבון״ פאַרוואַלטונג

### חשובע „חשבון״ לייענערס:

ניט געקוקט אויף די זייער פיל געהעכערטע הוצאות פון אַרויסגעבן אונדזער־־אייער זשורנאַל, האָבן מיר זיך אָפּגעהאַלטן פון העכערן זיין אַבאָנימענט פּרייז. מיר ווענדן זיך אָבער צו אייך: **העלפט אונדז אַרויס מיט דעם, וואָס איר וועט שאַפן פאַר אונדז נייע אַבאָנימענטן,** און פאַר דעם דאַנקען מיר אייך אין פאָרויס.

**די פאַרוואַלטונג**

"HESHBON" — G. FRYDMAN, *Fin. Secretary*
337½ No. Hayworth Ave. • Los Angeles, Calif. 90048